# תורת אביגדור

משיעורי ליל שישי של הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל

פר' עקב
שנה ג'

# מי כעמך ישראל

## חלק א. דאס אויסדערוועלטע פאלק

### דער באשעפער איבער אלעם

אויב איר האט צייט, וואלט זיך געלוינט צו כאפן א בליק אין חומש אפלערנען א יסודות'דיגער פסוק. דאס שטייט אין פרשת עקב, אין אנהייב פון חמישי, קאפיטל י', פסוק י"ד. עס לוינט זיך צו דורכלערנען די ווערטער דארט ווייל דאס איז איינע פון די וויכטיגסטע קלאר שטעלונגען אין די גאנצע תורה. נישט נאר זאלט איר עס דורכלערנען, נאר מיר טארן קיינמאל נישט פארגעסן די ווערטער וואס מיר גייען אצינד ליינען; מיר זאלן דאס אלעמאל האלטן אין געדאנק און דרש'נען צו אונזערע קינדער.

הֵן - אט, לַה' אֱלֹקֶיךָ הַשָּׁמַיִם וּשְׁמֵי הַשָּׁמָיִם - צום באשעפער געהערן די הימלען און די הימלען פון איבער די הימלען; דאס מיינט אז אלעס אין די ספערן געהערט צום באשעפער. ווייסט איר וואס עס איז די ספערן? אויב וואלט איר אריינגעגאנגען אין א ראקעט וואס שיסט ארויף צום הימל אין א שנעלקייט ווי ליכטיגקייט, 186,000 מייל אין א סעקונדע, וועט איר ווערן זייער אלט נאך איידער איר דערגרייכט צו עטליכע פון די ווייטע שטערנס וואס מיר קענען נאך זען. איר וועט חתונה האבן און אייערע קינדער וועלן חתונה האבן און אייערע אייניקלעך וועלן חתונה האבן, און אויב איר לעבט גענוג לאנג וועט איר נאך זען אור-אור-אור אייניקלעך אויף דעם ראקעט און איר פארט נאך אלץ.

און דאס איז בלויז א פיצקעלע שטויב פון די השמים ושמי השמים וואס געהערט צום באשעפער. איר האט נאך אפילו נישט אנגעהויבן! די ספערן זענען גרויס און ברייט אן קיין ענד - מיר האבן אפילו נישט קיין אנונג דערין. עס זענען דא מיליאנען וועלטן; הונדערט מיליאן אדער מער. און דאס איז בלויז איין גאלאקסי - אונזער גאלאקסי איז בלויז ווי א טראפ פון ענדלאזע ליכטיגקייט. עס זענען דא אזויפיל גאלאקסיס וויפיל טראפנס עס

בעריכה מיוחדת גליונות לשבת קודש

זענען דא אין די פאסיפיק אקעאן; מער פון דעם. און דאס אלעס געהערט צום באשעפער: לַה׳ אֱלֹקֶיךָ הַשָּׁמַיִם וּשְׁמֵי הַשָּׁמָיִם - צום באשעפער געהערן די הימלען און די הימלען פון איבער די הימלען, הָאָרֶץ וְכָל אֲשֶׁר בָּהּ - די גאנצע וועלט און אלעס וואס איז אין איר געהער צו אים.

## איר און אייערע עלטערן

אלזא, לייגט צו קאפ צום קומענדיגן פסוק, ווייל מיר גייען דא זען וואס איז דאס וואס איז די וויכטיגסטע ביי דער וואס צו אים געהערט די גאנצע ספערן. רַק בַּאֲבֹתֶיךָ חָשַׁק ה׳ - נאר אין אייערע אור-עלטערן האט דער באשעפער געגלוסט, לְאַהֲבָה אוֹתָם - זיי צו ליב האבן. דאס מיינט אז דער וואס צו אים געהערט אלעס איז נישט אינטערעסירט אין גארנישט אויסער אין אייערע אור-עלטערן. דעם באשעפער׳ס אינטערעסן איז רק, נאר אין אונזערע אבות. די זון איז גארנישט צום באשעפער. די מיליאנען שטערנס זענען גארנישט צום באשעפער. די ביליאנען מיילן אין די ספערן זענען גארנישט צום באשעפער. רק באבתיך, נאר אין אונזערע אור-עלטערן האט ער אן אינטערעס זיי צו ליב האבן.

און אויב איר וועט טראכטן, ׳גוט, אבער דאס אלעס איז שוין א פארגאנגענהייט; עס שטייט, ״אין דיינע אור-עלטערן!״׳ אה ניין, זאג נישט אזוי, וַיִּבְחַר בְּזַרְעָם אַחֲרֵיהֶם בָּכֶם - און ער האט אויסגעוועלט זייערע קינדער נאך זיי, אין אייך. בָּכֶם מיינט ׳אין אייך׳! מִכָּל הָעַמִּים - פון אלע פעלקער, כַּיּוֹם הַזֶּה - אזוי ווי דער היינטיגער טאג. דאס איז א באמבעדיגע דעקלעראציע פונעם מויל פון באשעפער, אז ער האט ליב דאס אידישע פאלק מער ווי סיי ווער אדער סיי וואס אין די וועלט. בָּכֶם כַּיּוֹם הַזֶּה, מיינט ׳דיר׳, אויף אייביג און אייביג; ווען די ווערטער וועלן געליינט ווערן דורך זַרְעָם אַחֲרֵיהֶם, דורך אייערע קינדער נאך אייך, זאלן זיי וויסן אז נאר אין זיי האט דער באשעפער אן אינטערעס.

## רמב״ם, רש״י, און דו!

וועלכע קינדער? נישט נאר דער רמב״ם און רש״י און די גדולי הדור. ניין! יעדער כשר׳ער ערליכער איד. אויב דו ביסט געטריי צו זיין תורה, זאגט דער באשעפער צו דיר, ״די גאנצע ספערן זענען מיינע, אלע ביליאנען שטערן וועלטן געהערן צו מיר, אבער איך האב אויסגעוועלט בלויז אין דיינע עלטערן און אין דיר נאך זיי.״ דאס מיינט, מענער און פרויען און אינגלעך און מיידלעך - יעדער איינציגער פון זיי איז מער וויכטיג ווי די גאנצע בריאה. דער באשעפער האט ליב חיים און דוד און בערל און ירוחם און אלעזר. ער טראכט נאר פון יענטא און חנה און טעמא און חוה!

אלזא מר. גרינבערג - דער באשעפער האט דיר ליב מער ווי ער האט ליב אלעס אין די ספערן. מר. כ״ץ, מר. רובין, מר. פרידמאן, מר. שמאי און יעדער איינער; נאר אין אייך איז דער באשעפער אינטערעסירט. ״יעדער איינער פון אייך״ זאגט דער באשעפער, ״איז מער באליבט ביי מיר ווי די גאנצע ספערן!״

## די הויפט שפילערס

אלזא, דער אמת איז אז מיר דארפן נישט ווארטן אויף פרשת עקב צו זען אז מיר זענען די זאך. ווייל אייגנטליך איז דאס די נושא פון די גאנצע תורה, פון אלע הייליגע ספרים. דער ענין פון די גרויסקייט פון א איד אין די אויגן פון באשעפער איז די וויכטיגסטע נושא אין די תורה; איך זאג די וויכטיגסטע נושא - אודאי איז די ערשטע נושא פון די תורה, י-ק-ו-ק, דער באשעפער, אבער וואס קומט דערנאך אלס וויכטיגסטע נושא אין די תורה, איז דער עם ה׳.

ווען דו ווילסט וויסן אין וואס א מענטש איז אינטערעסירט, הערסטו אויס זיינע שמועסן; הער פון וואס ער רעדט. לאמיר זאגן א פרוי באגעגנט זיך מיט א צווייטע פרוי און זי וויל וויסן וואס עס אינטערעסירט איר; איז אויב רעדט זי פון איר היים און די פאמיליע און איר שטרעבונג צו ארייננברענגען א געהויבענע אטמאספער אין איר הויז, ווי אין דעם בית המקדש, ׳אה! דאס איז פון וואס זי טראכט? דאס איז וואס איך זוך!׳ דאגעגן, אויב רעדט זי פון די גוטע צייטן וואס זי האט געהאט אין די פארגאנגענהייט און די פארברענגונגען אויף וואס זי קוקט ארויס; ארומרייזן און הנאה האבן פון פארשידענע סארטן אונטערהאלטונגען און פארגעניגנס, דאן ווייסטו וואו איר הארץ ליגט. פון אירע רייד קענסטו וויסן.

## פון וועמען רעדט דער באשעפער?

אלזא, וואס איז די תורה? ווען מיר קוקן אריין אין די תורה, הערן מיר וואס דער אויבערשטער רעדט; מיר הערן וואס דער באשעפער, כביכול, טראכט. דאס איז דער ספר פון דעם באשעפער׳ס מחשבות. אודאי איז אוממעגליך צו פארשטיין ווי אזוי דער באשעפער טראכט, אבער וויפיל עס איז נוגע פאר אונז, ווען דער באשעפער רעדט אין די תורה, ווייזט ער אונז וואס ער טראכט. עס איז דברי אלקים חיים - די רייד פון דער לעבעדיגער באשעפער; עס איז דעם באשעפער׳ס שמועסן.

איז געבן מיר א קוק אין די תורה און וואס איז דאס פון וואס דער באשעפער רעדט? אפילו בלויז מיט אן אויבערפלעכליכן בליק, וועלן מיר זען אז די וויכטיגסטע פון אלע זאכן פון די וועלט איז דאס אידישע פאלק. ס׳איז מערקווירדיג - דער באשעפער רעדט און אלעס איז איבער דער עם ישראל. אלעס אין די תורה האנדלט נאר מיט די נושא.

אדרבה, עפנט א חומש. זוך אויף סיי וועלכן פסוק וואו עס שטייט, ״וידבר ה׳ אל...״ זעט מען דארט דערמאנט עפעס א גוי צו וועמען דער באשעפער רעדט? ניין! דער באשעפער רעדט נאר צו דער עם ישראל. ער רעדט נישט צו קיינעם אויסער די זרע אברהם. אפילו די געציילטע מאל וואס א גוי, ווי בלעם, ווערט דערמאנט אז דער באשעפער רעדט צו אים, איז עס אויך בנוגע די אידן. דער גאנצער חומש, די גאנצע נביאים, די גאנצע כתובים זענען נאר איבער דער עם ישראל. ער רעדט נאר פון אברהם און יצחק און יעקב און פון דאן ביז דער סוף פון די גאנצע כתבי קודש, איז דאס אלעס פון וואס ער רעדט. און דאס אליין איז דער בעסטער באווייז אז דאס איז דער עיקר וואס ליגט ביים באשעפער אין געדאנק.

## פארגעסענע אימפעריעס

פון דער אנהייב פון די תורה, ווערט סיי ווער אנדערש קוים דערמאנט אדער אינגאנצן איגנארירט. עס ווערט גארנישט דערציילט איבער די גרויסע אימפעריעס וואס האבן עקזיסטירט. איר ווייסט, אין די צייטן ווען אונזערע אור-עלטערן האבן מיטגעלעבט די געשיכטעס וואס ווערן דערמאנט אין די תורה, זענען שוין דאן געשטאנען גרויסע אימפעריעס; עס זענען געווען ריזיגע שטעט מיט מאכטפולע פירער און פאלאצן און רעגירונגען. אסאך זאכן האבן זיך אפגעשפילט אין די וועלט, פאסירונגען וואס וואלטן געווען אינטערעסאנט פאר היסטאריקער צו באשרייבן. און דאך, האבן זיי נישט געהאט די זכי׳ צו ווערן דערמאנט אין די תורה. זיי זענען אפילו נישט קיין בלאסע פיגורן אינעם הינטערגרונט.

עס איז געווען א גרויסע אימפעריע פון שׂומער אין די צייטן פון די אבות און זיי ווערן אינגאנצן נישט דערמאנט. מיר הערן נישט פון זיי - נאר איבער דעם עם ישראל. קיין שום זאך ווערט נישט דערציילט איבער דאס ׳אירישע׳ פאלק אדער איבער די גערמענישע אנשי צפון אדער די ׳טוטאניקס׳. די מלחמות פון די רוימער און מצריים, און די פרסיים - דאס אלעס עקזיסטירט נישט.

## דעם באשעפער׳ס ספר

וועט איר זאגן, "גוט, פארשטייט זיך. ס׳איז א אידישע בוך, איז נאטורליך אז ס׳רעדט איבער די אידן. עס זענען דא מענטשן וואס ביי זיי זעט עס אויס, אז ס׳איז פונקט ווי מ׳זאל קוקן אין די פוילישע ביכער, להבדיל, וועט עס רעדן איבער דאס פוילישע פאלק און אין די סקאנדינאווישע ביכער וועלן זיי רעדן איבער די נארמאנדן און די שוועדישע און די פינישע.

אה ניין! די תורה איז נישט קיין היסטאריע פון דאס אידישע פאלק. דאס איז א גרויסער טעות. אויב איר מיינט אזוי, דאן פארשטייט איר נישט וואס די תורה איז בכלל. די תורה איז נישט קיין פאלק׳ס בוך; ס׳איז נישט קיין אידישע בוך - ס׳איז דעם באשעפער׳ס ספר. אונזער ספר איז ׳דער ספר׳. דאס איז דער ספר פון די גאנצע בריאה; פון הַשָּׁמַיִם וּשְׁמֵי הַשָּׁמָיִם, פון הָאָרֶץ וְכָל אֲשֶׁר בָּהּ. און דער ספר, דער ספר פון אלעם, האנדלט נאר איבער דעם באשעפער׳ס פאלק.

## פון דער אנהייב

נישט נאר אנגעהויבן פון אברהם אבינו רעדט די תורה איבער די אידן.. עס הייבט זיך אן פון בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹקִים. שוין אלס קינדער האבן מיר געלערנט די רש״י, ׳בראשית, בשביל ישראל,׳ אז די וועלט איז באשאפן געווארן צוליב די אידן וועלכע ווערן אנגערופן ׳ראשית׳. מיר ווייסן אז וואס רש״י זאגט איז ריכטיג, אבער די ווערטער קענען ערוועקן א וואונדער, ׳די גאנצע וועלט איז באשאפן געווארן בלויז צוליב די אידן? ביז אזוי ווייט? די אידן זענען דאך בלויז איינע פון די פיל אנדערע פעלקער וואס זענען דא אין די וועלט!׳

אבער רש״י לערנט אונז, אז פון דער אנהייב זענען מיר געווען די אינטערעס פון באשעפער. דאס ברענגט ער פון חז״ל: בְּרֵאשִׁית - צוליב די אידן וועלכע ווערן גערופן 'ראשית', בָּרָא אֱלֹקִים- איז באשאפן געווארן די וועלט.

## די אפפאל טראפנס

דאס קען אויסזען אביסל אינטערעסאנט צו פיל מענטשן. גרויסע פעלקער וואס פילן אן די וועלט זענען גארנישט? אזוי ווי אפס ותוהו? וואס מיינט דאס?!

דער באשעפער האט אונז מגלה געווען דער ענטפער אינעם פסוק: הֵן לַה' אֱלֹקֶיךָ הַשָּׁמַיִם וּשְׁמֵי הַשָּׁמָיִם - צום באשעפער געהערן די הימלען און די הימלען פון איבער די הימלען, הָאָרֶץ וְכָל אֲשֶׁר בָּהּ - די גאנצע וועלט און אלעס דערין געהערט צום באשעפער, רַק בַּאֲבֹתֶיךָ חָשַׁק הַשֵּׁם - נאר אין אייערע אור-עלטערן האט דער באשעפער געגלוסט, לְאַהֲבָה אוֹתָם - זיי צו ליב האבן.

דאס איז דער שליסל. די דאזיגע זייער וויכטיגע באהויפטונג ערקלערט אונז, אז דער באשעפער ווערט נישט אנטציקט פון גרויסקייט. דער באשעפער ווערט נישט איבערגענומען פון וואג אדער פון נומער. "נאר אין אייערע אור-עלטערן און זייערע קינדער; דאס איז אין וואס איך בין אינטערעסירט." אין פארגלייך צו דעם באשעפער׳ס ליבשאפט צו דאס אידישע פאלק, זענען אלע פעלקער ווי איגנארירט, כמר מדלי, ווי די ביטערע אפפאל טראפנס וואסער, און דער באשעפער זאגט, "מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ."

## חלק ב. א פארהאסטע פאלק

## זה לעומת זה

הגאון רבי ישראל סאלאנטער האט געלערנט א וויכטיגער יסוד איבער דעם וועג ווי אזוי די וועלט ווערט געפירט דורכ׳ן באשעפער. ער האט געזאגט אזוי: "אויף יעדן גרויסן אמת, איז דא א גלייכער קעגנזאץ. דער יצר הרע ארבעט שווער קעגן יעדע גוטע זאך און ווי וויכטיגער דער אמת איז, אלץ גרעסער איז דער קעגנזאץ." דאס איז מיט א כוונה; דאס איז א טייל פון דעם באשעפער׳ס פלאן אויף די וועלט כדי צו מאכן שווער אנצוקומען צום גוטס. דאס מיינט נישט אז די שטרויכלונג קען מען נישט איבערקומען, אבער ס׳איז אלעמאל דא א פרואוו צו שטערן א גוטע זאך; עס אפצוהאלטן.

לאמיר אנהייבן מיט דעם אמת פון דעם אויבערשטן אלס דער באשעפער פון די וועלט. בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹקִים - אין אנהייב איז גארנישט געווען און ער האט אלעס געמאכט. אלעס וואס מיר זעען איז נאר דער רצון ה׳. דאס איז דער אנהייב פון די גאנצע תורה; דאס איז די וויכטיגסטע פון אלע ווארהייטן.

## דער יצר הרע קעגן דעם באשעפער

אלזא, ווייל דער דאזיגער אמת איז דער יסוד פון אלע יסודות, ווערט עס היינט באקעמפט אויף דעם גרעסטן מאס. ריזיגע אינסטיטוציעס איבער די גאנצע וועלט קריגן זיך קעגן דער מציאות פון א באשעפער. אלע אוניווערזיטעטן, אלע שולעס, זענען אפענע פיינט פון די אמונה אין א בורא. אפילו די לענדער וועלכע האלטן זיך פאר גלויביגע אין עפעס א סארט גלויבן, זענען היינט איבערגענומען געווארן דורך אקאדעמיקער און ריזיגע אינסטיטוציעס פון פראפעגאנדע, ווי דער דרוק, צייטונגען, מאגאזינען, ביבליאטעקן, ראדיא און טעלעוויזיע. יעדער טוט היינט אויסרופן איין ריזיגער פזמון: אֵין אֱלֹקִים כָּל מְזִמּוֹתָיו - אלע זייערע פלענער זענען צו לייקענען דעם פאקט אז עס איז דא א בורא. אפילו דער היינטיגער העכסטער אמעריקאנער געריכט האט זיך באטייליגט אין דעם גרויסן פזמון און באשטימט אז עס איז נישט לעגאל צו אויסלערנען אין די אמעריקאנער פאבליק שולעס איבער א בורא. א באשעפער איז קעגן די קאנסטיטוציע! און נעמט אין אכט - אויף אונזערע מטבעות שטייען אויסגעקריצט, "אין באשעפער מיר געטרויען," אבער איין טאג וועט דאס ווערן אראפגענומען. זיי ווילן גענצליך פטור ווערן פון באשעפער.

אין די איזראעלישער ארמיי, האט איינער ארויסגעשיקט א געוויסער נאטיץ איבער פארשידענע ארמיי ענינים, ווען אויבן ביים ווינקל איז געשטאנען אין קליינע אותיות, בס"ד - בסייעתא דשמיא. דאס האט ערוועקט א גרויסער פראטעסט! און די ארמיי האט זיך אנטשולדיגט, "ס'איז געווען א טעות. מיר ווענלן זיכער מאכן אז ס'וועט מער נישט פאסירן." נישטא קיין 'סייעתא דשמיא' אין די איזראעלישער ארמיי. כחי ועוצם ידי! זיי דארפן נישט דעם באשעפער; זיי טוען עס אליין.

איבער די גאנצע וועלט, איז די אפאזיציע קעגן באשעפער אויסערגעווענליך, ווייל דער באשעפער איז דער ערשטער אמת פון אלע יסודות.

## דער יצר הרע קעגן די אידן

אלזא, דארפן מיר גלייך פארשטיין אז דאס וואס קומט אין שפאן נאך דעם ערשטן אמת, דער געוואלדיגער מציאות פון אוהב עמו ישראל, וועט אויך זיין אונטער די אטאקע פון דעם יצר הרע. אויב א צענטראלע נושא פון די גאנצע תורה איז אז "נאר אין אייך האט דער באשעפער אויסגעוועלט צו ליב האבן," דאן ווענלן זיך אלע כוחות הרע פאראייניגן אין איין גרויסע ארמיי זיך צו שלאגן קעגן דעם.

דערפאר האט דער יצר הרע געווידמעט אלע כוחות פון ליטעראטור, אלע רעגירונגען, אלע שטודירונגען, די גאנצע מידיא, פאר איין צוועק, פון זיך שלאגן קעגן דעם תורה'דיגן אמת. זינט די וועלט שטייט איז נישט געווען קיין ליטעראטור פון שנאה אויף סיי וואס און ווענמען, וואס קומט נאנט צו די פילצאליגע ליטעראטור פון אנטי-סעמיטיזם קעגן אידן. עס איז פיל מער געזאגט און געשריבן געווארן קעגן דאס אידישע פאלק ווי קעגן סיי וועלכע אנדער פאלק אין די וועלט.

## קריסטנטום קעגן אידן

אויב איר טראכט אז דאס איז אן איבערגעטריבענער זאץ, ווען מיר קוקן אין וואס עס איז דער פארהייליגסטע בוך ביים קריסטנטום. איך האף אז איר ווייסט ניט האבן די זכי׳ צו ליינען זייער ׳נייער ביבל׳, אבער איך קען אייך זאגן וואס עס שטייט דארט. דאס בוך איז איינע פון די גרעסטע אנטיסעמיטישע ביכער אין די וועלט.

אודאי, איך פארשטיי אז היינט איז נישט שיין צו רעדן איבער דעם און דערפאר וועל איך זיך נישט פארברייטערן אויף די נושא פון וואס די פויפסטן און די בישאפן האבן געשריבן איבער אונז. אבער ס׳איז פארשריבן שווארץ אויף ווייס; מ׳קען דאס נישט פארזען. און עס האט די השפעה צו וואס עס איז געצילט געווארן; דאס איז פון אלעמאל געווען איינגעזאפט אין יעדן גוי׳ס מוטער׳ס מילך - און דאס איז מיט וואס ער איז ערצויגן געווארן.

## ס׳איז אלטע נייעס

אבער מיינט נישט אז ס׳האט זיך אנגעהויבן מיט׳ן קריסטנטום. לאנג פריער איז שוין דער יצר הרע געווען ביי די ארבעט. עס איז דא א בוך מיט׳ן נאמען ׳יוסף נגד אפיון׳, וואס איז געשריבן געווארן דורך ׳יוסיפוס פלאביוס׳, וואו ער רעדט איבער די באשולדיגונגען וואס די יוונים האבן ארויפגעברענגט קעגן אונזער פאלק. ער ציטירט פון ׳טאקיטוס׳ און אנדערע גריכישע שרייבערס וועלכע האבן פארשפרייט גופט אין זייערע ביכער קעגן אונזער פאלק. זיי שרייבן אזעלכע נארישע שקרים, אז מיר לאכן ווען מיר ליינען זייערע באשולדיגונגען. אבער אינעם מח פון די גוים זענען די באשרייבונגען פון די גריכישע היסטאריקער אלעס אמת - און די קערלעך פאר שנאה זענען איינגעפלאנצט געווארן אויף אייביג.

דערפאר איז דער ליטעראטור פון אייראפעאישער מיטלאלטער און אויך נאך די מיטלאלטער תקופה געווען פול מיט באשולדיגונגען אויף די אידן. ׳וואלטעיר׳ האט גערעדט די ערגסטע ווערטער קעגן די אידן. ׳זשאן זשאק רוסאו׳ האט באשולדיגט די אידן מיט געמיינע אויסדריקן. אפילו אין די שפעטערע תקופות ווי ביים ׳דרייפוס׳ משפט, איז פראנקרייך געווען פארפלייצט מיט ליטעראטור פון אנטי-סעמיטיזם. פאר א לאנגע צייט זענען די צייטונגען, די מאגאזינען און די ביכער אין פראנקרייך געווען פול מיט זידלערייען קעגן אידן.

## בלבולים פאר דורות

אין ענגלאנד איז נישט געווען בעסער. דער יצר הרע האט פארפלייצט דאס ענגלישע פאלק מיט א מבול פון אנטיסעמיטיזם. ווער עס האט געליינט די באוואוסטע ווערק פון ׳טשארלס דיקענס׳ ווייסט אז ׳פעגין׳ איז דער סימבאל פון א קרימינאל. איר פארשטייט אודאי אז פעגין איז פעגענבוים; א איד.

ווער איז דער איד וואס זיין נאמען ווערט צעשמירט איבער גאנץ ענגלאנד? די לעגענדע גייט אז פעגין טרענירט קליינע גוי׳ישע שקצים צו דורכקריכן דורך פענסטערס און גנב׳נען פאר אים. אודאי! דאס איז א איד! א גנב! אין איינע פון די ערשטע אויפלאגעס פון דאס

בוך איז אפילו געווען א מאלעריי פון דער איד פעגין; ער האט א בארד, פיאות און א לאנגע קאפאטע און ער זיצט אין די 'ניו קעסטל תפיסה', נאכ'ן ווערן פאר'משפט צום טויט צוליב דעם וואס ער פארדארבט גוי'ישע אינגלעך. דאס איז דער ליינער'ס איינדרוק אויף א איד, אן אמת'ער פרומער איד. דאס מיינט אז דורות און דורות פון גויים זענען אויפגעוואקסן ליינענדיג אז א איד איז א פארדארבער פון די מענטשהייט.

אויך 'שעיקספעיר'. ער האט געשריבן פיל שפילן אבער נאר איינמאל האט ער דערמאנט א איד; דאס איז 'שילאק' אין דער שפיל 'דער סוחר פון וועניס'. ווער עס ווייסט עפעס איבער שעיקספעיר ווייסט אז שילאק איז א סימבאל פון א שלעכטער אויסנוצער. שילאק קומט ארויף אויף די בימה; א גרויסער בארד און א לאנגער שווארצער רעקל - ער זעט אויס ווי אן אלטער רבי. און ער ווערט דארט אראפגעשפילט מיט די ערגסטע טערמינען - 'אויב דער גוי וועט נישט באצאלן זיין חוב דאן וועט שילאק, דער איד, פאדערן א פונט פון גוי'ישע פלייש!'

## א "כאפטס אים!"

היינט אין אמעריקע איז דער גאנג, ברוך ה', נישט צו רעדן קעגן אידן. אבער די שנאה איז נאכנישט א פארגאנגענהייט. אז מ'בלעטערט דורך א 'ניו יארק טיימס' צייטונג שרייט ארויס דער קעפל: א היימלאזער מענטש אטאקירט דורך חסיד'ישער המון אין וויליאמסבורג.

א היימלאזער מענטש, א שגץ מיט א מעסער, איז געווען אין אן עלעוועיטער און ער האט געשטאכן אין א איד'ס פנים און אוועקגענומען זיין טייסטער.

יעצט, ווען דער 'אומשולדיגער' היימלאזער מענטש איז אנטלאפן, זענען די וויליאמסבורגער אידן נישט געווען קיין נאראנים. זיי האבן נישט געקענט רופן די פאליציי; די פאליציי וואלטן גארנישט געטון. זענען זיי אים נאכגעלאפן און גערופן הילף: "כאפטס אים! כאפטס אים!"

מיטאמאל האבן זיך אלע פענסטערס און טירן פון די גרויסע בנינים געעפנט און אט זענען די חסידים וועלכע שטראמען ארויס פון איבעראל צו די גאסן. אזוי האבן זיי אים געכאפט און געגעבן דעם 'כאפטס אים באהאנדלונג' און דערנאך האט ער געדארפט אריינגעפירט ווערן אין שפיטאל.

איז ווי אזוי האבן די 'גוטע פריינט' פון דאס אידישע פאלק דאס באריכטעט אין די ניו יארק טיימס? קעפל: היימלאזער מענטש אטאקירט דורך חסיד'ישער המון. א היימלאזער מענטש שפאצירט אויפ'ן גאס נישט האבנדיג וואו צו גיין. אן אומשולדיגער מענטש וואס גייט אין גאס, ווארשיינליך קוקט ער זיך בלויז אום צו טון א גוטע זאך און די חסידים לויפן ארויס פון זייערע הייזער און אטאקירן דעם ארעמען מענטש און שיקן אים אפ אין שפיטאל.

אזוי איז עס אלעמאל ביי די אנטיסעמיטן - ווען די אידן פארטיידיגן זיך, ווערט עס גערופן א מהומה, ריאטן.

## וואס טוט זיך מיט די אינדיאנער און כינעזער?

דאס איז אן ערשיינונג וואס עס לוינט צו צולייגן אויפמערקזאמקייט דערצו. פארוואס זענען

אלע דוקא קעגן די אידן? ס'איז נישטא קיינער אנדערש וועמען צו פיינט האבן אין די וועלט פון די אלטע צייטן? נאך אלעם, זענען געווען אמת'ע זינדיגע פעלקער. עס זענען געווען די אינדיאנער אין אינדיע וועלכע פלעגן ברענגען מענטשליכע קרבנות. אין צענטראל אמעריקע אויך; די סעקטעס דארט האבן מקריב געווען קינדער צו זייערע אפגעטער, אז די תבואה זאל בעסער וואקסן. די כינעזער פלעגן הרג'נען מיידלעך בעביס אין אנהייב פונעם צוואנציגסטן יאר-הונדערט. איבער די גאנצע וועלט זענען געטון געווארן שלעכטע מעשים און דאך איז קיינער נישט אויסגעשטאנען א ליטעראטור וואס איז ארויס קעגן זיי מיט אזא ריזיגער מבול פון זידלונגען; ס'איז נישטא עפעס וואס קומט נאנט צו דער איסערגעוועגליכער אויסגוס פון שרייבערייי קעגן דער עם ישראל. פארוואס זאל אזוי זיין?

און דער ענטפער איז, דער גרויסער יסוד אז ווען עפעס איז גוט אין די וועלט, פראבירט דער יצר הרע זיך שלאגן דערקעגן. צו דערנידערן דעם עם ישראל, דאס איז די וויכטיגסטע דערגרייכונג וואס דער יצר הרע קען אויפטון. דאס איז נישט פערצופאל. דער יצר הרע וויל צוברענגען אז דער איד זאל פארגעשטעלט ווערן אויפ'ן ערגסטן אופן.

און דערפאר, ווען דו גייסט אויפ'ן גאס און איינער זאגט, "שמוציגער איד," דארפסטו וויסן פארוואס איז עס דוקא דו וואס איז שמוציג. ער זאגט נישט, "שמוציגער אפריקאנער," אדער "שמוציגער כינעזער," אדער "שמוציגער פאטריקאנער." ניין; ס'איז אלעמאל די אידן וועלכע זענען די שמוציגע.

## די וועלט פארגעסט דעם אמת

און דאס איז ווייל די אידן זענען די ריינסטע, די מערסטע מושלם, די באליבסטע ביים באשעפער. ווייל מיר זענען די אויסדערוועלטע, דערפאר פארלייגט זיך דער יצר הרע די מערסטע איבער אונז! דערפאר זענען אלע פעלקער פון די וועלט איינגעשפאנט געווארן אין דעם גרעסטן קאמפיין פון פארלוימדונג קעגן דעם עם ישראל.

דאס איז אן אויסגעפלאנטע ערשיינונג. און דער צוועק איז, צו ארויסנעמען פון די מוחות פון מענטשן דעם איינדרוק וואס דער באשעפער וויל די מערסטע אז מענטשן זאלן טראכטן. אנשטאט צו זאגן, כָּל יִשְׂרָאֵל בְּנֵי מְלָכִים הֵם - אלע אידן זענען פרינצן און בָּנִים אַתֶּם לַה' אֱלֹקֵיכֶם - איר זענט קינדער פון באשעפער, אייער באשעפער. אָהַבְתִּי אֶתְכֶם... נְאֻם ה' - "איך האב אייך ליב," זאגט דער באשעפער. כִּי עַם קָדוֹשׁ אַתָּה לַה' אֱלֹקֶיךָ - איר זענט א הייליגע פאלק צום באשעפער, אייער ג-ט. און אזוי זענען דא נאך אן ענדלאזער צאל פון אזעלכע אויסדרוקן. די וועלט פראבירט די מערסטע וואס זיי קענען דאס צו מאכן פארגעסן.

## זיין עיקר ביזנעס

אבער יעצט וועלן מיר לאזן אין זייט די פעלקער און מיר וועלן נאכפארשן די פיסטריט פון דעם יצר הרע. די גמרא זאגט אין מסכת סוכה (נב.) א מערקווירדיגע זאך: מניח אומות העולם - דער יצר הרע פארלאזט די אומות העולם, ער לאזט נאך פון זיי, ומתגרה... של

ישראל – און ער רייצט אן די אידן. דער יצר הרע איז די מערסטע אקטיוו צווישן אידן. דאס מיינט נישט אז די גויים האבן נישט קיין יצר הרע. זיי האבן איבער גענוג, און ער דארף נישט זארגן איבער זיי. זיי באזארגן זיך מיט זייער אייגענער יצר הרע. אבער דאס איז נישט זיין אמת'ע הצלחה. ער האט א וויכטיגערע מיסיע. די גרעסטע הצלחה פונעם יצר הרע איז ווען ער קען חרוב מאכן א אידישער מח.

און אזוי ווערט ער פארנומען מיט די אידן. ער פארלאזט די אירישע און די איטאליענער און די אמעריקאנער און ער גנב'ט זיך כיטריש אריין אין די מוחות פון די אידן. די אמת'ע קרבנות פונעם יצר הרע זענען די פרומע, די שומרי תורה ומצוות. אודאי שטייט דער יצר הרע הינטער אלע אפגעגאלטע מענטשן, ער שטייט הינטער די אלע אמעריקאנער איבערוועלטיגנדע גרופעס, ער איז הינטער די נאציס. יא, ער איז א גאנצע צייט פארנומען מיט די גויים. ער איז אייביג געווען. אבער דאס ניצט נאר א קליינער טייל פון זיינע כוחות. זיין עיקר אנשטרענגונג טוט ער אנווענדן ביי די אידן.

## זיין עיקר פארדינסט

די אלע אנטיסעמיטיזם אין די וועלט, אלע ליטעראטור פון האס און דערנידערונג וואס דער יצר הרע האט אריינגעברענגט אין די וועלט, איז בעיקר געצילט צו פארטונקלען די מוחות פון די ארטאדאקסן דורך באקעמפן די רייד פון דעם באשעפער וואס ווערט געברענגט אין די וואכעדיגע פרשה: "נאר דיר האב איך ליב," און אונז צו איבערצייגן אז עס איז נישט אזוי.

אודאי, דער יצר הרע פראבירט פיל מיטלען. ער פראבירט דיר צו פירן צו פארשידענע אומריינע ערטער אדער צו ציען דיינע בליקן וואו עס איז דא אויסגעלאסנקייט. ער וויל דו זאלסט זיך קויפן א רעקל און עס נישט טראגן צו איבערקוקן פאר שעטנז, אדער זיך איינקויפן עסן וואס איז נישט 100% גלאט כשר. ער זוכט אלע סארט פארדינסטן. סיי וואס ער קען דיר מאכן טון, איז ער פרייליך דערמיט. עס שטערט אים נישט די איבריגע ארבעט – פאר אים איז געציילטע פרוטות אין די זייט אויך א פארדינסט. אבער צווישן אלע זאכן מיט וואס דער יצר הרע איז פארנומען, איז ער מערסטנס פארנומען מיט דעם אז דאס אידישע פאלק זאל נישט זיין באוויסטזיניג צו דעם ווי באליבט א איד איז אין די אויגן פון באשעפער.

## זעלבסט-פאראהאסטע אידן

אזוי האט דער יצר הרע אריינגעברענגט א געוויסער גייסט אין די לופט פון אראפקלאפן די פרומע, אראפקלאפן די בעסטע וואס אונזער פאלק פארמאגט. מיר דארפן זיין אויפמערקזאם דערצו אז ס'איז דא א געוויסער פארעם פון אנטיסעמיטיזם צווישן אידן אליין. איך בין אמאל געווען ביי אן אסיפה פון רבנים אין די איסט-סייד מאנהעטן, וואו הרב אליעזר זילבער האט גערעדט. אין יענע צייט איז ער געווען דער נשיא פון אגודת הרבנים. ער האט געזאגט ווי פאלגנד: "שנאה, איז אנטיסעמיטיזם צווישן פרומע אידן." ווען אידן קלאפן אראפ דעם פרומען ציבור, איז עס ווי א ווידער קול פון די אנטיסעמיטיזם פון די דרויסנדיגע וועלט.

היינט זענען דא אזעלכע מענטשן וועלכע קוקן אויף ערליכע רבנים און גדולים מיט א בליק פון אנטיסעמיטיזם. אפילו דאס וואס מ׳האט נישט די ריכטיגע מאס דרך ארץ, איז אויך ווי א ווידער קול פון די ארבעט פון יצר הרע. אן ערליכער רב וואס איז לעצטנס נפטר געווארן, איז אמאל ארויס אין גאס אויפ׳ן וועג צו האלטן א דרשה ביי א דינער. א פרוי וואס איז געזעסן אויף א טאראסע האט געזאגט צו א צווייטע פרוי - עס איז שפעטער איבערדערציילט געווארן פאר מיר - "אט קומט דער רויטער," ווייל ער האט געהאט א רויטער בארד.

## אזוי רעדט מען אויף א רב?!

אבער דאס איז נאך פון די קליינע זאכן. אלע סארט סם ווערט ארויסגערעדט קעגן רבנים. הרב אליעזר זילבער האט דאן געזאגט אז ס׳איז דא זייער א גרויסער יצר הרע צו באשמוצן רבנים.

לײדער איז דער יצר הרע מצליח! ער טוט א גוטע ארבעט אונז צו איבערצייגן אז מיר זענען נישט די בעסטע פון די וועלט, אז מיר זענען נישט די חשוב׳סטע פון אלע פעלקער אין די אויגן פון באשעפער.

# חלק ג. א ערליכע פאלק

## מיר האבן באקומען א מח שוועכונג

גאנץ מעגליך אז איר זענט נאכנישט איבערצייגט אין די שיינקייט פון אונזער פאלק, ווייל איר זענט שוין געווארן באאיינפלוסט פון די פראפאגאנדע פון די גוים. די פרעדיגונגען, די לאזונגען פון דיקענס אויף פעגין, האט אריינגעדרונגען אויך אין אונזערע מוחות. ארטאדאקסישע אידן, פיינע אידן, קומען צו מיר און זאגן, "דו טוסט ריין וואשן דאס אידישע פאלק. ווייסטו דען נישט אז ווען ס׳קומט צו האנדלען זענען זיי נישט אזוי מענטשליך?!" און זיי האבן פול מיט ביישפילן. זיי קענען דערציילן מעשה׳לעך. איך הער זיי אויס און איך הער אין זייערע שטימעס דער אפקלאנג פון דעם יצר הרע, דער ווידער קול פון די גוי׳ישע פראפאגאנדע. די דאזיגע מענטשן געבן זיך אונטער, אונטער׳ן דרוק פון דער יצר הרע.

און די איטאליענער זענען מענטשליך? צי האט איר געהאנדלט מיט די איטאליענער? און די שווארצע זענען מענטשליך? איר האט קיינמאל נישט געהאנדלט מיט די אירישע מענטשן - איר ווייסט נישט ווי מענטשליך זיי זענען. אבער אידן, אויף זיי זענט איר איבערצייגט אז זיי זענען נישט מענטשליך.

דער פרומער איד איז א צעדרייטער און דער ערליכער איד איז אן אויסנארער און אזוי ווייטער. האנדל מיט די גוים וועסטו אויסגעפינען ווי ערליך זיי זענען.

## ווי אזוי טראכט דער באשעפער?

לייגט צו קאפ צו וואס מיר לערנען דא. מיר דארפן ארבעטן אויף דעם גרויסן יסוד פון קונה זיין די מחשבות פון דעם באשעפער. אויב דער באשעפער איז אן אוהב עמו ישראל, מער ווי די גאנצע וועלט, ווי אזוי קענען מיר טראכטן אנדערש? דער באשעפער טראכט איין וועג און דו טראכסט עפעס אנדערש?!

## די תורה איז מער ווי בלויז מצוות און עבירות

מיר באטראכטן די וועלט נאר דורך די אויגן פון די תורה - די תורה איז ווי אזוי מיר טראכטן, און דאס איז עס. מיר זענען געוואוינט - און מיט רעכט - צו משפט'ן אונזערע מעשים דורך די איינטיילונג פון א מצוה און עבירה: איז עס עפעס וואס איך בין באפוילן געווארן צו טון? אדער איז עס פארבאטן? און דערפאר קענען מיר געוועגליך נאכגיין דעם ריכטיגן וועג אין לעבן, נֵר לְרַגְלִי דְבָרֶךָ - דייןווארט, באשעפער, איז א ליכט צו מיינע פיס, וְאוֹר לִנְתִיבָתִי - און א ליכטיגקייט אויף מיין וועג. דאס מיינט, אז די תורה ווייזט אונז וואו צו שטעלן אונזערע טריט בשעת מיר שפאנען אויף דעם וועג פון לעבן, מיר זאלן נישט אראפטרעטן צו די זייט; מיר זאלן נישט אריינגיין אין א גרוב אדער מאכן א נישט ריכטיגער דריי ביי א שיידוועג אויפ'ן שאסיי. די תורה לערנט אונז וואו צו גיין און ווי אזוי צו גיין מיט הצלחה.

אבער די תורה באדייט פיל מער ווי דאס. ס'איז די געוואלדיגע לערע וואס מיר זעען אין די ווערטער פון ישעיהו הנביא (נו:ד): וּבָחֲרוּ בַּאֲשֶׁר חָפָצְתִּי - זיי זאלן אויסוועלן דאס וואס איך וויל. דער באשעפער זאגט אונז וואספארא זאכן ער וויל און מיר דארפן אויסוועלן; אויסער טון מצוות און זיך אפהאלטן פון עבירות, זענען אויך דא געוויסע מידות, געוויסע השקפות וואס מיר דארפן קונה זיין אין לעבן. און אפילו אויב עס וועט נישט מאכן א חילוק אין די פאקטישע מעשים, איז די מחשבה אליין אויך א חשיבות. און אויב עס פעלט איינעם די תורה'דיגע מידות, קען ער נישט באטראכט ווערן ווי ער האט צו עפעס דערגרייכט.

און דערפאר איז דער פסוק אין די היינטיגע פרשה פון וואס מיר רעדן דא, איינע פון די וויכטיגסטע מחשבות פון כביכול דער באשעפער, וואס מיר דארפן גוט אריינגעמען אין זיך. "רַק בַּאֲבֹתֶיךָ חָשַׁק הַשֵּׁם... בָּכֶם מִכָּל הָעַמִּים כַּיּוֹם הַזֶּה." נאר אין דעם עם ישראל גלוסט דער באשעפער אויף אייביג און אייביג. ער איז חשק בהם - ער איז צוגעבונדן צו זיי, ער גלוסט אין זיי, לְאַהֲבָה אוֹתָם, זיי צו ליב האבן; און דערפאר דארפן מיר דאס אויך קונה זיין, צו ליב האבן ערליכע אידן.

## א שיינער איד

ס'איז באקאנט דער אויסדריק, 'א שיינער איד'. צי מיינט דאס צו באטיטלען 'א גוט אויסזעענדער איד אויפ'ן פנים'? ניין. א שיינער איד מיינט א פרומער איד. אויב איז ער א שומר תורה ומצוות, דאן איז ער אין אונזער אויגן הערליך. ווייל ווען מיר קוקן דורך די אויגן

פון באשעפער, זעט ער אויס הערליך, מיט א געשמאקער ריח. אויב איז ער נישט א שומר תורה ומצוות, איז ער נישט שיין; ער זעט אויס ווי א קריפל, ער האט פארקרומטע אברים. זיין נאז איז א פוס צו לאנג. זיינע אויגן זענען שיף. עפעס איז מאדנע מיט אים, אויב איז ער נישט א פרומער איד.

יעדער לייטישער פרומער זעט אויס שיין אין אונזערע אויגן ווייל ער זעט אויס שיין צום באשעפער. איר מוזט זיך צוגעוואוינען אים צו זען אזוי. אויב נישט, זענט איר ווייט פון דעם וועג ווי אזוי דער באשעפער קוקט; די עיני ה׳ און דיינע אויגן קוקן אין צוויי אנדערע ריכטונגען.

## פראקטיציר עס למעשה

פראביר דאס צו פראקטיצירן. ווען דו האסט אמאל אביסל צייט, גיי אויפ׳ן גאס אין א פרומער אידישער געגנט און שטעל זיך אפ צו באטראכטן די דורכגייער. טראכט צו זיך, ׳איך שטיי דא מיט׳ן צוועק צו פראבירן נאכמאכן די מחשבות פון באשעפער.׳ דו שטייסט נעבן א תלמוד תורה אדער א ישיבה אדער א כולל. דו זעסט ארויסקומען פון דארט; קליינע אינגלעך, יונגעלייט, פיאות, קאפאטעס, בערד, שווארצע היטן. זאג, ״דער באשעפער קוקט אראפ אויף זיי און האט זיי ליב, דערפאר וועל איך זיי אויך ליב האבן.״

נישט נאר כולל יונגעלייט, אלע פרומע אידן. בָּהֶם כַּיּוֹם הַזֶּה! אלע פון אייך! זע וויפיל צדקה אידן געבן! זיי געבן אראפ זייער מעשר, א צענטל פון זייער פארדינסט! געוויסע געבן אפילו מער ווי דאס! זע ווי אזוי די אידן זענען פארנומען מיט ערציען די קינדער; זיי זענען געטריי צו זייערע קינדער און די קינדער זענען געטריי צו זייערע עלטערן!

## דאס הייליגסטע פאלק

פרומע אידן זענען איידעלער און מער אפגעהיטן ווי סיי וועלכע פאלק אין די וועלט! וואו עקזיסטירט דען ביי די גויים אזעלכע געזעצן ווי הלכות יחוד?! א משולח קומט און וויל שלאפן ביי דיר אין הויז, זאגסטו, ״גוט, אבער איך דארף מארגן אינדערפרי גיין צו די ארבעט. וועסטו אויפשטיין פרי צו ארויסגיין פון הויז צוזאמען מיט מיר? איך קען דיר נישט לאזן אין מיין הויז אליין מיט מיין ווייב.״ צווישן די גויים איז אודאי נישטא אזא זאך צו פרעגן אזא שאלה, עס איז נישט מענטשליך. אבער ביי אידן איז דאס א וויכטיגער יסוד. אז עס מאכט זיך א שאלה, קלינגט מען א רב פרעגן ווי אזוי זיך צו פירן. איינעם׳ס ווייב איז א קימפעטארין אין שפיטאל און ער איז אליין אינדערהיים מיט קליינע קינדער. זיין ווייב׳ס שוועסטער קומט אכטונג געבן אויף די קינדער. קלינגט ער מיר אן פרעגן, ״וואס זאל איך טון?״ זאג איך אים, ״דו דארפסט ארויסגיין פון הויז.״ צי האט איר אמאל געהערט אזא זאך צווישן גויים? נישטא אזא זאך!

מיר זענען דער עם קדוש! אידן האלטן זיך אפ פון פארגעניגנס. זיי זענען הונגעריג, זיי

ווילן עסן, אבער זיי קענען נישט אריינגיין אין יעדן רעסטוראנט. ווען זיי זענען אינדרויסן פון שטאט און עס זענען נישטא קיין אידישע רעסטוראנטן, עסן זיי נישט, פינטל. זעלבסט-אפהאלטונג לויט די הלכות פון די תורה! א הייליגע השגה; קודש קדשים!

## שמירת הלשון, און רחמנות

א פרומער איד קען נישט רעדן לשון הרע. זיי היטן אפ זייער צונג. הייינט איז דא א גרויסע אויפוואכונג אין דעם, נישט צו בארעדן א צווייטן איד. זייער פיל אידן זענען אפגעהיטן אין וואס זיי רעדן. וואו טרעפט מען אזעלכע זאכן? טרעפט מיר א פאלק וואס איז גרייט צו ליידן פאר זיין רעליגיע אזוי ווי דער עם ישראל!

און רחמנות צווישן אידן איז אויפ׳ן העכסטן פארנעם. אפילו אויף גויים; אידן האבן מער רחמנות אויף גויים ווי די גויים האבן איינער אויפ׳ן אנדערן. צי דען געדענק איך נישט אין אייראפע ווען ארעמע גויים האבן אריינגעקלאפט צו אידישע הייזער און א איד האט אים ארויסגעברענגט א פאר אלטע שיך, און דער גוי איז געווען אזוי דאנקבאר?! קיינער האט אים נישט געגעבן א פאר שיך צווישן די גויים! אידן האבן אים געגעבן א קעסטעלע צוקער - ער האט זיך אזוי געפריידט! אידן זענען רחמנים בני רחמנים. זיי זענען א דערבארעמדיג פאלק! מִי כְּעַמְּךָ יִשְׂרָאֵל גּוֹי אֶחָד בָּאָרֶץ. וואו טרעפט מען נאך אזא פאלק?!

## דער שפיץ פון די באפעלקערונג

מענער געבן אויף פון זייערע הנאות און קומען אין בית המדרש ביינאכט צו לערנען תורה! נאכט נאך נאכט! ס׳איז א הערליכע סצענע צווישן אידישע קהילות וואו אידן לערנען תורה ביינאכט. ס׳איז א הערליכע סצענע צו זען ווי אידישע פרויען גייען נישט ארויס צו אונטערהאלטונגען, זיי טרעפן זייערע פארגעניגנס אין זייערע היימען. אידישע פרויען האלטן זיך אפגעזונדערט מיט צניעות!

א אידישע היים איז א בית המקדש! דו זעסט א גרויסע מזוזה ביים טיר, דו ווייסט אז אינעווייניג איז א בית המקדש. און אפילו אויב די איינוואוינערס אנערקענען עס נישט, זיי זענען איידעלע מענטשן און לויבן זיך נישט אליין, אבער מיר דארפן זיך לערנען צו פארשטיין וואס זיי זענען באמת. זיי זענען קודש קדשים. די שכינה רוט אין א אידישע היים! עס איז נישטא עפעס שענער ווי א אידישע היים.

קיינער קען אפילו נישט מיט א האר זיך פארגלייכן צו דאס אידישע פאלק. ס׳איז א הערליכע געמיינדע! א ביישפיל פון א פאלק! די וועלט דארף ארויפקוקן אויף אונז פאר גוטע מידות, פאר חסד, פאר צניעות, פאר לייטישקייט. מיר זענען צוגעוואוינט דערצו - מיר אנערקענען נישט וואס מיר פארמאגן, אבער אויב מיר שטעלן זיך אפ און טראכטן; מיר זענען דער שפיץ פון די באפעלקערונג!

און דערפאר דארפן מיר רעדן דערפון נאכאנאנד. צו זיך אליין דארפן מיר שטענדיג רעדן

דערפון ווייל דער יצר הרע האקט און זעצט; ער שלעפט אריין אפילו די ארטאדאקסישע אידן אין זיין קאמפיין קעגן די פרומע אידן.

## די פריילICHע ענדע

מיר דארפן זיך שטענדיג איבער׳חזר׳ן אין געדאנק אז דער באשעפער האט געפירט די גאנצע וועלט׳ס היסטאריע ביז אהער און ער פירט עס אויך ווייטער, בלויז פאר אונזערט וועגן; זיין איינציגסטער אינטערעס אין די גאנצע וועלט איז נאר דאס אידישע פאלק!

וואו אימער מיר געפינען זיך איז די שכינה מיט אונז, צווישן אידן וועלכע לעבן מיט די הלכות פון די תורה. דער באשעפער איז מיט אונז און וועט פארבלייבן מיט אונז ביז ער וועט אונז ענדליך צוריקפירן קיין ירושלים און אויפבויען דעם בית המקדש.

און דאן וועט די גאנצע וועלט, יַכִּירוּ וְיֵדְעוּ כָּל יוֹשְׁבֵי תֵבֵל - יעדער וועט אנערקענען דעם אמת און יעדער וועט קומען זיך בוקן צו אונז און זיי וועלן מודה זיין אין זייערע טעותים און זיי וועלן זאגן, "איר זענט געווען מיט׳ן אמת שטענדיג דורכאויס די היסטאריע. דער אמת איז אלעמאל געווען און וועט אלעמאל זיין אז 'צום באשעפער געהערן די הימלען און די הימלען איבער די הימלען, די גאנצע וועלט און אלעס וואס איז דערין געהערט צו אים. און דערפאר, נאר אין אונזערע אור-עלטערן האט דער באשעפער געגלוסט, זיי צו ליב האבן, און ער האט אויסגעוועלט אין זייערע קינדער נאך זיי, פון אלע פעלקער אויף אייביג און אייביג."


בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת,
אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה**,

**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין און טוהן חסד מיט הונדערטער**
**אידן אריינצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

**צו מנדב זיין "תורת אביגדור" רופט:**

**347-755-8860**

yiddish@torasavigdor.org

לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן

# שאלות ותשובות

## מיט ר' אביגדור מיללער זצ"ל

## שאלה:

### ווי אזוי קען איך זיך צוריקהאלטן פון קוקן וואו איך דארף נישט צו קוקן אויפ'ן גאס?

## תשובה:

נומער איינס: ווען דיין קאפ איז ליידיג, דאן וועלן אלע סארטן נארישקייטן אריינגיין אין דיין קאפ. אבער אנדערש איז ווען דיין קאפ איז פול מיט גוטע מחשבות. צום ביישפיל, די שיעורים וואס דו לערנסט דא, מאך זיכער צו טראכטן דערפון א גאנצע צייט. פראביר צו איבערחזר'ן וואס דו האסט געלערנט. און ווען דו לערנסט תורה, דו לערנסט הלכות, מאך זיכער צו האלטן דיין קאפ אנגעפילט מיט די אלע געדאנקען און באגריפן - אפילו ווען דו שטעלסט זיך אויף פון ספר און דו גייסט ארויס פון בית המדרש. דאן, ווייל דיין קאפ איז פול, וועלן אלע שלעכטע זאכן - שלעכטע זעאונגען און שלעכטע מחשבות -נישט קענען אריינקומען אין דיין קאפ אזוי גרינג. דאס איז נומער איינס, די וויכטיגסטע זאך. האלט דיין קאפ פול מיט תורה'דיגע מחשבות.

צווייטנס: ווען דו ביסט אויפ'ן גאס, קוק אראפ אויף די ערד בשעת דו גייסט. קוק נישט לינקס אדער רעכטס - אויסער ווען דו גייסט אריבער די גאס. באטראכט די צעמענט אויף די ערד די גאנצע צייט וואס דו גייסט. האלט דיינע אויגן אראפ, דו וועסט זיין איבעראשט וויפיל דאס וועט דיר העלפן.

ס'איז אויך גוט צו וויסן - און דאס דארף דיר צו העלפן - אז אלע אויסגעלאסענע מענטשן ארום דיר זענען טמאים. די אלע מענטשן ארום דיר זענען בהמות. זיי זענען פארלוירענע נשמות. אלע פון זיי וועלן גיין אין גיהנום. אלע פון זיי. ס'איז א רחמנות. אלע פון זיי זענען אינגאנצן אן קיין שכל. זיי טראכטן נישט פון באשעפער, אפילו איין מאל דורכאויס זייער גאנץ לעבן. אפילו איין מאל נישט! איז ווי אזוי קענסטו זיך פארגלייכן צו זיי? זיי זענען בהמות. חיות. "ורוממתנו מכל הלשונות." דו האסט אונז דערהויבן פון צווישן אלע פעלקער פון די וועלט.

איז דארפסטו האבן א געוויסע מאס פון שעצונג צו זיך אלס איד. ווייס ווער דו ביסט. און דערפאר, קוק נישט אויף קיינעם אנדערש. וואס זענען זיי דען צו דיר? דאס זענען בלויז מענטשן וועלכע פארשווענדן זייערע לעבנס. אבער דו ביסט אנדערש. דו לעבסט מיט דעם באשעפער אין קאפ. אלזא, קוק אראפ אויף די ערד.